יודעז, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער איז דייטשלאנד

היינט 10 זייטען

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

# פאלקסבלאט

№ 253 | לאדז, זונטאג, ט"ז מרחשון תרצ"ד | עלפטער יאהרגאנג | Łódź, Niedziela, 5 listopada 1933 r. | № 253

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71 — Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.


# בודזשעט=סעסיע אין סיים

## גרויסע עקספאזע פון פרעמיער-מיניסטער. — ענדעקעס און פויערים-פארטיי וועגן דער יודען=פראגע. — רעדע פון ד"ר מהאז. — רעפ. מיעדזשינסקי וועגן דער אפאזיציע

וו אר ש א, 4. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט).

די ערשטע זיצונג פון סיים הויבט זיך אן מיט פארלייענען א לאנגען צעטעל פון דעקרעטען, וואס דער פרעזידענט האט ארויסגעגעבן בעת דער סיים איז געווען געשלאסן. עס האט זיך אנגעזאמעלט א היפש ביסעל: גאנצע 87. דאן ווידמעט דער סיים מארשאלעק שליכטע ווערטער דעם אנדענקען פון דריי פארשטארבענע דעפוטאטען און גיט דאס ווארט דעם

### פרעמיער יענדזשעיעוויטש

דער פרעמיער הויבט אן פון וועלט-קריזיס ער גיט א בילד פון דעם ווירטשאפטליכן כאאס אויף דער וועלט, דערציילט וועגן דעם וואוקס פון דער טעכניק און וואוקס פון דער ארבייטסלאזיגקייט, וועגן כסדרדיגען וואוקס פון די פראדוציר-מעגליכקייט און כסדרדיגען פאלען פון קויף-קראפט און קומט צום אויספיהר, אז —

„דער אומצופרידענער, אויב נישט הונגעריגער בירגער" קען מיט רעכט געפינען אין די דאזיגע אויפטרייסלונגען אלץ, א חוץ עלעמענטען פון געזונטען שכל און פארשטאנד. און די עפאכע, אין וועלכער מיר לעבען מוז ער קוואליפיצירען, אלס אנ עפאכע פון דער גרעסטער וועלט-רעוואלוציע..

דער פרעמיער דערמאנט נאך די פערשידענע מיינונגען וואס זיינען ארויסגעזאגט ווענען די סיבות פון קריזיס (וועלט-מלחמה, קריזיס פון דער איצטיגער אָרדנונג) און אויך די הייל-מיטלען וואס ווערען ארויסגערוקט פון פערשידענע קריזיס-דאקטוירים. ער ווייזט אן, אז די אלע מיטלען האבען דערווייל נישט געהאלפען. פוילען איז גרייט מיט צו ליקווידירען דעם קריזיס. צוריקצושטעלען דעם צוזאמענהאלט אין יעדער אינטערנאציאנאלער ארבייטס געגענזייטיגען צוטרוי. א.א.וו. אבער גלייכצייטיג מוז פוילען מיט אייגענע כוחות זיך העלפען.

דער פרעמיער דערציילט ווייטער, אז מען האט געראטעוועט פוילען,

### ארויפצוגעהן אויפן וועג פון אינפלאציע

ווי דאס האבען געטון אנדערע גרויסע מלוכות, די רעגירונג איז אבער אנטשלאסען נישט צו גיין אויף דעם וועג, וועלכער קען אפשר אויף א ווייל פערבעסערען די לאגע, איז זעהר געפעהרליך פאר'ן מארגען.

און דא רעכענט דער פרעמיער אויס די 4 פונקטען פון רעגירונגס-פראגראם:

1) גלייכגעוויכט פון בודזשעט,

2) פעסטע וואלוטע;

3) איינשטעלען א געזונטע פראדוקציע;

4) העלפען אויפלעבען די ווירטשאפט דורך אונטערשטיצען די ווירטשאפטליכע און פריוואטע איניציאטיוו.

דער פרעמיער בעהמט זיך דאן אויסרעכענען די דערגרייכונגען פון דער רעגירונג אין משך פון איהר האלב-יאהריגער עקזיסטענץ. אויפ'ן צווייטן ארט גייט

### די מלוכה=הלוואה

וועלכע האט געהאלפען בעזייטיגען דעם דעפיציט פאר'ן פערגאנגענעם יאהר און זיכערן דעם בודזשעט-גלייכגעוויכט פאר'ן קומענדיגען יאהר.

דער פרעמיער האט דאן עטליכע מוסר-ווערטער

(ווייטער זעה 3-טע זייט).


# בירגער, יודען!

איהר האט ערפילט אייער חוב, צייכנענדיג די הלוואה,

ערפילט אייער חוב ווייטער און צאהלט איין די ראטעס!

היינט, זונטאג און מארגען, מאנטאג

זיינען די לעצטע טערמינען איינצוצאהלען די

## 2טע ראטע פון דער נאציאנאלער הלוואה

אלע פינאנץ=אמטען וועלען היינט, זונטאג אננעהמען די ראטעס=איינצאהלונגען פון 9 אינדערפריה ביז 3 נאכמיטאג.

סניף ישיבת חכמי לובלין, לודז, אגודת ישראל, צעירים און פועלים

ארדענט איין היינט, זונטאג, פ' ח' 6 אוונט אין דער: 1) אלטשטעטישער שוהל 2) ווילקער שוהל

## צוויי גרויסע הספדים

## לזכרון הרה"ג הצדיק מהר"ם שפירא זצ"ל מלובלין

מיט דער בעטייליגונג פון תלמידי ישיבת חכמי לובלין, לאדזער ראבינאט, שלומי, צעירי און פועלי אגודת ישראל.

לאדזער יודען! קומט מאסענווייז און גיט אפ כבוד דעם גרויסען נפטר!

די ווייבער-שוהל איז אפען.


### הזכרה.

היינט, זונטאג, דעם 5. נאוועמבער ד. י. 11 א זייגער בייטאג קומט פאר א הזכרה און די ענטהילונג פון דער מצבה פון מיין אונפערגעסליכען מאן

## נ"ע דוד רוססעק

אלע קרובים, פריינד און בעקאנטע ווערען געבעטען צו קימען. די טיפטרויערנדע פרוי.

### הזכרה.

היינט, זונטאג, דעם 5 נאוו. 12 א זייגער בייטאג וועט אויפ'ן היגען בית החיים בעמאכט ווערן א הזכרה און ס'וועט געשטעלט ווערען א מצבה אויפ'ן קבר פון מיין ליבע פרוי, אונזער טייערע מוטער

## נ"ע טויבע גערליכטיגער

צו וועלכע עס ווערען געבעטען קרובים, פריינד און בעקאנטע. די טיפטרויערנדע פאמיליע


## צו פערקויפען

א גוט=פראספערירענדע

## פארבערייי

מיט אלע איינריכטונגען און מיט א קאנצעסיע, ווי אויך ביי דער פארבערייי א געמויערט הויז און א גרויסער פלאץ אויף נאוואקא 25. איינצעלהייטען צו ערפאהרן ביי ס.ב. גוטמאן גדאנסקא 16. 6097

Z intencji zaręczyn naszego szefa

p. **Ludwika Kenigsberga**

z p. **Edzią Markelkwną**

składamy najserdeczniejsze życzenia. PERSONEL F-my L. Kenigsberg w Łodzi.

6047

